יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

היינט 10 זייטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 283 | לאדז, זונטאג, כ״ב כסלו תרצ״ד | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Niedziela, 10 grudnia 1933 r. | № 283

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# צוזאמענשטויס אין תל-אביב

## צווישען פאליציי און א גרופע יודען, וועלכע האט דעמאנסטרירט קעגען די אימיגראציע-בעגרענצונגען

## 6 פאליציאנטען און 6 יודען פערוואונדעט געווארען

ירושלים, 9 (ספ. טעל.)

אין תל-אביב איז געקומען צו א צוזאמענשטויס צווישען פאליציי און א גרופע יודען, וועלכע האט מאניפעסטירט קעגען די אבלאווע און ארויסשיקען יודישע אימיגראנטען פון ארץ-ישראל. די געשעהענישען האבען געדויערט 3 שעה. 12 פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען, צווישען זיי 6 פאליציאנטען. ס׳זענען אנגעקומען פאליציי-פערשטארקונגען פון יפו אויף פאנצער-אויטאס. די אונרוהען זענען ליקווידירט געווארען.

## אפגעלעגט דער פראצעס געגען די אראבישע פיהרער

### צוליב דער קראנקהייט פון ריכטער

יפו, 9 (יט״א טעלעגראמיש)

דער פראצעס געגען די אראבישע פיהרער, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער פערבאטע-נער דעמאנסטראציע, איז אפגעלעגט געווארען צוליב דער קראנקהייט פון ריכטער באדיל.

# געשלאסען די סעסיע פון פערוואלטונגס-ראט פאר די פליטים

## הויך-קאמיסאר מאקדאנאלד פאהרט קיין פאריז, לאנדאן און ניו-יארק

לאזאן, 9 (יט״א טעלעגראפיש)

די סעסיע פון פערוואלטונגס-ראט פאר די פליטים איז געשלאסען געווארען. די פראגע וועגען נאנסען-פעספער איז אפגעלעגט געווארען, כדי זיך צו בעקענען מיט די פארשלאגען פון בעזונדערע רעגירונגען.

דער הויך-קאמיסאר מאקדאנאלד פאהרט דער-ווייל קיין פאריז, לאנדאן און ניו-יארק. די קומענדיגע סעסיע פון פערוואלטונגס-ראט וועט פארקומען דעם קומענדיגען יאהר, וואהר-שיינליך אין לאנדאן.

# ליקווידירט די אקציע פון די היטלערישע דייטשען אין עסטלאנד

טאלין, 9 (ספ. טעל.) צוליב דעם, וואס די דייטש-באלטישע פארטיי האט זיך ערקלערט אלס היטלעריש, האט די מאכט אויפגעלעזען די פאר-טיי און ארעסטירט די אנפיהרער.

מחזיקי הדת
סאלנא 7.

היינט, זונטאג, פ׳ מקץ, 10/XII ד. י. 4 נאכמ. קומט פאר א

# חינוך-ספר-תורה-פייערונג

אין זאל „פילהארמאניע״, נארוטאוויטשא 20

תלמוד תורה
בזשעזשינער 23.

לטובת די 2 ת״ת: „מחזיקי הדת״ (סאלנא 7) און תלמוד-תורה דאלטשטאט (בזשעזינער 23)

מיט דער בעטייליגונג פון דעפוטאט הרב לעווין (רײשא), פרעזעס פון אגודת-ישראל אין פוילען הרב איטשע מאיר לעווין (ווארשא), הרב הירשהארן (יאווארזשנא), פרעזעס דעפ. לייבעל מינצבערג און פרעזעס פישעל ליבערמאן, הרב לואי מפרעשוב, די פרנסים זילבערשטיין און פרידענזאן / ערשטקל. ארקעסטער-איינשטודירטער כאר. די גאלעריע איז רעזערווירט פאר פרויען.

בילעטען-פערקויף איז לאקאל פון „מחזיקי הדת״ (סאלנא 7), אין תלמוד תורה בזשעזשינער 23, אין „בית יעקב״ (שרודמיעסקא 32) און פון היינט 3 א זייגער — אין קאסע פון פילהארמאניע.

הרב הצדיק מו״מ ר׳

# ישראל יוסף שליט״א

בן הרב הצדיק מו״מ אליעזר דוד זצ״ל מראדאשיץ קומט צו פאהרען אי״ה היינט, זונטאג, 10 פריה, און וועט איינשטעהן ביי ר׳ ראובן קרוק (נאווראמיעסקא 4).
6714

לאדזער יודישער מוזיק-פעראיין „שיר״

זאל „פילהארמאניע״

מיטוואך, ד. 13 דעצעמבער 1933, 8.45 אווענד (א׳ חנוכה) קומט פאר

# א גרויסער קאנצערט פון שיר-כאר

געווידמעט דער יודישער מוזיק, אונטער ד. דירעקציע פון

## פראפ. י. פייווישים.

ס׳נעהמען אנטייל דער אבערקאנטאר פון דער ווארשאווער סינאגאגע

# משה קוסעוויצקי

און סאליסטען: כאר-מיטגלידער ס. קראפיווניק (סאפראן), ה. קארן (טענאר), ח. קאליסקי (באס).

אין פראגראם: י. ס. זולצער, א. ב. בירנבוים, בלו-מענטאל, זילבערין, אייזענשטאט, ווינער א. א.

ביים קלאוויר: דיר. ט. רידער.

בילעטען צום פרייז פון 1 זל. ביז 3 זל. צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

# אכטונג!

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז די בעוואוסטע

## ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט

פון ספעציאליסט

# דיר. י. ראפאפארט

## לאדז, וואולטשאנסקא 10

פראנט פארטער, טעל. 221-77

געפינט זיך אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט און די קראנקע ווערען פון מיר זעלבסט בעהאנדעלט.

מיט אכטונג



Dyr. J. RAPAP[illegible]T, Ortoped
Łódź, Wólczańska 10, tel. 221-77.

וויכטיג פאר דער לאדזער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס׳איז ערעפענט געווארען דאס

# אמבולאטאריום

ביים פעראיין „עזרת עניים״

נאדלודקא 8, טעל. 153-99

וואו ס׳ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ׳ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו. שיקט ארויס דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

ווי אויך דענטיסטישע הילף

דאנקשעהן דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט א ליזען. מינימאלע אפצאה-לונגען.

די פערוואלטונג.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דער

## פאמיליע בזשעזשינסקי

צוליב׳ן טויט פון זייער זוהן

# נפתלי נ״ע

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

יחיאל בארובקא, לאדז.
6718

הזכרה.

היינט, זונטאג, דעם 10-טען דעצעמבער 1933, 12 א זייגער בייטאג, קומט פאר אויפן בית-החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה נאך אונזער אונפערגעסליכען וויצע-פרעזעס

ב״ע

# אהרן זארזשעווסקי

צו וועלכע אלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

די פערוואלטונג פון די פליישער-הורטאווניקעס אין לאדז, פאדזשעטשנא 10.
6712

